STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02214

DER POLITISHER MASEN-SHTREYK

August Bebel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „צייט ביבליאטעק“.

א. בעבעל.

דער פאליטישער מאסען־שטרייק.

(א פארטראג געהאלטען אויף דעם „פארטיי־טאג“ אין יען
דעם 22־טען סעפטעמבער 1905)

ווארשא. תרס״ו.

דרוק „הצפירה“, מאריאנסקא 2.

А. БЕБЕЛЬ.

ДЕРЪ ПОЛИТИШЕРЪ МАСЕНСТРЕЙКЪ

ВАРШАВА
Въ типографіи „Гацефиры“, Марьянская 2.
1906.

Приложеніе къ „Телеграфу“ № 45.

אנמערקונג פון איבערזעצער.

די רעדע בעבעל'ס איז אין איינינע ערטער בעקירצט,
בעזאָנדערס אין דעם פּאָלעמישען טייל, וואָס האָט נישט איי=
גענטליך קיין שיכות צו דער הויפּט=פראַגע.

חברים! עס איז שוין נאָהענט די צייט, ווען אַלע וועלען איינזעהען דאָס, וואָס מיר האָבען שוין אַזוי לאַנג פֿאָראויס־געזעהען. דער פּראָלעטאַריאַט האַלט אַלץ אין איין וואַקסען, ווערט גרעסער און גרעסער און סוף כל סוף וועט ער ווערען די גרעסטע מאַסע פֿון דער נאַציאָן. און איצט איז דער פּראָלעטאַריאַט לויט זיין צאָהל און זיין סאָציאַלע לאַגע דער פֿונדאַמענט פֿון דער נאַציאָן, די קוועלע פֿון אונזער רייכטום, די גרונדלאַגע פֿון אונזער צאָהל־קראַפֿט און פֿון אונזער קראַפֿט זיך צו בעשיטצען, דער יסוד פֿון אַלץ און אַלע. די מאַסע איז דער פֿונדאַמענט פֿון דער געזעלשאַפֿט, אויף איהרע פּלייצעס האַלט זיך די גאַנצע געזעלשאַפֿט־ליכע פּיראַמידע, און אויב דער פֿונדאַמענט וועט זיך אָנהויבען שאָקלען וועט איינפֿאַלען די גאַנצע פּיראַמידע. איך וויל קיינעם נישט שרעקען, ס'איז אויך מעגליך אַ פֿריעדליכע ענטוויקלונג, בְּדֶרֶךְ שָׁלוֹם. דאָס ווענדט זיך אויך אָן אונז. קוֹדֶם כֹּל העננט דאָס אָב פֿון דער קראַפֿט, וועלכע אונזער אָרגאַניזאַציאָן וועט האָבען, פֿון דעם, ווי ווייט עס וועלען זיין פּאָליטיש־געבילדעט די דייטשע אַרבייטער־מאַסען, וועלכע מוזען אין יעדען מאָמענט פֿון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג האָבען אַ קלאָרען בעגריף, ווי זיי דאַרפֿען זיך האַלטען, וואָס זיי האָבען צו טהון און וואָס נישט צו טהון. דאָס מוז זיין קלאָר איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל. עס מוז אָבער אויך קלאָר זיין דער אַנדערער צַד: נאָך פֿיעל מעהר ווי פֿון אונז אַליין העננט אָב אונזערע אויפֿפֿיהרונג פֿון אונזערע געגנער. זייער בע־נעהמען זיך מאַכט אַרושם אויף אונזער טאַקטיק: נור אָן זיי ווענדט זיך, צו זאָל די ענטוויקלונג געהען נאָרמאַל, בדרך שלום, צו פֿערקעהרט, עס זאָל אַרויסקומען אַ קאַטאַסטראָפֿע. אַ געפֿעהרליכען מעות האָבען די, וואָס מיינען, אַז מען מעג די מאַסען אָבזאָגען זייערע בירגערליכע און מענשליכע רעכט אָדער צו נעהמען ביי זיי די דאָזיגע רעכט. קיין שום אויפֿהאַלטען וועט דאָ נישט העלפֿען, האַלט אויף וויפֿיעל איער הארץ גלוסט, איהר וועט גאָר נישט אויספֿיהרען; מיר זעהען ווייטער, אַז די בורזשואַזנע פּאַרטייען שליעסען אַלץ מעהר חבר'שאַפֿט איינע מיט דער אַנדערער, די אונטערשיעדען צווישען זיי ווערען אַלץ קלענער. די בורזשואַזנע פּאַרטייען זאָגען זיך: אויב מיר קענען נישט פֿערטרייבען פֿון

אונזערע אייגען דעם שד, וואָס לאָזט אונז נישט עטהמען נישט בײ טאָג און נישט בײ נאַכט, טאָ זאָלען מיר זיך וועניגסטענס פֿעראײניגען, כּדי צו שיטצען זיך אַנקעגען זײַן אָנפֿאַל. דאָס איז די סבּה, פֿאַר וואָס אונזערע געגנער האָבען צווישען זיך אַזוי חבר געמאַכט פֿון דעם יאָהר 1903 אָן. דער בעסטער בּײשפּיל אין דעם פּרט זענען די וואַהלען אין דעם לאַנדטאַג אין עסלינגען, וואו אלע: דער ראַדיקאַלער פֿליגעל פֿון דער בּורזשואַזיע, די זיד־דײטשע פֿאָלקס־פּאַרטײ, צוזאַמען מיט די קאָנסער־וואַטאָרען, האָבען זיך צוזאַמען פֿעראײניגט און אַרויסגעטראָטען געגען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען, און אונזערע חברים האָבען פֿונדעסטוועגען מיט זײער ענערגיע פֿעריאָגט די קאַנדידאַטען פֿון דער פֿעראײניגטער בּורזשואַזיע. בּײ די וואַהלען אין עסלינגען בּין איך מעהר ווי שטענדיג געווען צופֿריעדען פֿון אונזערע ווירטעמבּערגער חברים. אויף אײן זײט מיר, אויף דער אַנדערע אונזערע געגנער — דאָס איז ערשט די איצטיגע לאַגע, עס איז נישט דאָ קײן שום מעגליכקײט פֿון אַ פּשרה צו מאַכען, און בײ דער לאַגע האָבען די בּורזשואַזנע פּאַרטײען בּעשאַפֿען אַ אַלגע־מײנעם פֿערבּאַנד מלחמה צו האַלטען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און גיעבּען אויס געלד אויף דעם, וואָס זײ שיקען אַרום זײערע בּאַנדעס רעדנער, וועלכע קוקען נישט אויף די פֿערשידענע פּאָליטישע אונטער־שיעדען צווישען די אײנצעלנע בּורזשואַזנע פּאַרטײען און פֿערנעהמען זיך נור מיט מלחמה געגען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע, ד. ה. זײ פֿערוואַרפֿען איהר מיט בּלאָטע.

אַזוי זעהט אויס די איצטיגע לאַגע בּײ אונז. קוקט זיך צו, וואָס טהוט זיך אַרום אונז! אין רוסלאַנד פֿיהרט זיך אַ געוואַלדיגע מלחמה, דער עיקר פֿאַר פּאָליטישע רעכט, פֿאַר דאָס אײנפֿיהרען פֿון אַ פֿרײער רעגיערונג. דאָרט זײַנען אונזערע חברים מיט מוט און פֿרײדע אויף די בּאַריקאַדען, דאָרט אָפּפֿערן פֿרויען און מאַנסבּילען דאָס העכסטע וואָס זײ האָבען, דאָס גאַנצע לעבען, כּדי פֿון רוסלאַנד צו מאַכען סוף כּל סוף אַ פֿרײע מלוכה. און מײנט נישט, אַז אונזערע רעגיערונגען קוקען אויף די רוסישע געשעהענישען גלײַכגילטיג. רוסלאַנד פֿעראונרוהיגט זײ אַ סך מעהר ווי איהר גלויבּט. זײ פֿיהלען ערשט דעם שרעק פֿון געטצען־דינער, וואָס האָבען מורא, אַז דאָס פֿײער זאָל זיך צו זײ נישט אַריבּערוואַרפֿען: אויבּ דאָס איז מעגליך אין רוסלאַנד — קלערען זײ זיך — וואו עס איז נישטאָ קײן אָרגאַניזאַציאָן, וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז שוואַך אין זײַן צאָהל, טאָ וואָס וועט שוין זײַן אין דײטשלאַנד, וואו די מאַסען זענען פּאָליטיש ערצויגען, דער פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט, וואו צווישען דעם חיל געפֿינען זיך נישט נאָר בּאַטאַליאָנען, נאָר גאַנצע פּאָלקען פֿון סאָציאַל

דעמאָקראַטען, און אַז מען זאָל צוזאַמען רופען דעם רעזערוו און די לאַנדסוועהר וועלען בעשאַפען ווערען גאַנצע בריגאַדען פון סאָציאַל-דעמאָקראַטען? עס וואָלט געווען נאַריש פון זייער זייט, ווען זיי וואָלטען דאָס נישט בעקלערט, און דאָס אַלץ בעווייזט די קראַפט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

פונדעסטוועגען האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז די ביזהעריגע מיטלען, וועלכע מיר האָבען, זענען צו שוואַך, אַז זיי זאָלען קענען אין גאַנצען אונמעגליך מאַכען די פּראָבעס אוועקצורויבען די רעכטע ביי דעם אַרבייטער-קלאַס. נישט ווילענדיג מוז זיך דעריבער יעדער דענקענדער חבר שטעלען די פראַגע: צו זענען גענוג די טאַקטישע און אַגיטאַציאָנס מיטלען, וועלכע מיר האָבען ביז יעצט געהאַט, אָדער מיר מוזען בעשאַפען עפּיס נייע מיטלען.

מען האָט דעריבער געמאַכט דעם פאָרשלאַג וועגען א מאַסען-שטרייק. א פּאָליטישען סטרייק מ א כ ט מען — ענטפערט מען אונז אויף דעם — אָבער מען דאַרף וועגען איהם נישט רעדען, עס איז נאַריש צו קלערען, אַז מען קען אָבשאַפען די ״ויכוחים וועגען דער פראַגע דאַמיט, וואָס מען וועט זיך מאַכען אַז מען בעמערקט זיי בלומפרשט נישט. דאָס איז די פּאָליטיק פון דעם שטרוים; באַלד רעדט מען שוין פון דער פראַגע איבעראַל און אומעטום, — אַלץ איינס, צו האָט געזאָלט זיין אַזוי, צו נישט — מוז יעדער דענקענדער מענש, בעזונדערס דער אַנפיהרער פון דער פּאַרטיי, וואָס וויל דעם נאָמען פערדינען, זיך שטעלען די פראַגע: צו איז שוין נישט געקומען די צייט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך מיט דער פראַגע פערנעהמען. קיין שום טהאַטען, וואָס פיהרען גרויסע פאָלקס-מאַסען צו א וויכטיגער אַרבייט, טאָרען נישט געמאַכט ווערען, כל זמן די מאַסען זענען נישט בעקאַנט מיט דעם אינהאַלט פון דער אַרבייט. ווען מען דאַרף אַז די מאַסען זאָלען מיט בעגייסטערונג אויספיהרען א בעשטימטען פּלאַן, פאָדערן זיי, אַז מען זאָל זיי דעם פּלאַן ערקלערען. און זיי האָבען דאָס רעכט דאָס צו פאָדערן. געבילדעטע מאַסען פאָלגען בכלל קיין מאָל נישט בלינד דעם וואָס מען הייסט זיי. דער פּראָפעסיאָנאַלער קאָנגרעס אין קעלן האָט פונדעסטוועגען גערעכענט אָבצופּאַרטיגען זיך מיט דער פראַגע וועגען דעם מאַסען-שטרייק מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגענומען בעמעלבורג׳ס רעזאָלוציאָן. דער קאָנגרעס האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם אַלגעמיינעם סטרייק אין דער פאָרם, ווי עס האָבען איהם פאָרגעלעגט די אַנאַרחיסטען און אַנאַרחא-סאָציאַליסטען און האָט ערקלערט, אַז ער וויל נישט פיהרען קיין ווייטערע דיסקוסיע (ויכוח) וועגען דער פראַגע. וואָס-זשע האָט מען דאַמיט דערגרייכט? געראַדע דעם אומגעקעהרטען

רעזולטאַט. באַלד נאָכדעם ווי מען האָט אָנגענומען בעמעלבורג'ס רעזאָ-לוציאָן, וואָס איז זעהר נישט קלאָר נאָכ'ן אינהאַלט און נאָך דער פֿאָרם, האָט זיך אָנגעהויבען אַ אמת'ע פּאָלעמיק. ווי נישט קלאָר די רעזאָלוציע איז, קען מען שוין זעהען דערפֿון, אַז מען בעשולדיגט זאָגאַר פֿאָן-עלם אין דעם, אַז ער האָט איהר שלעכט פֿערשטאַנען. איהר ווייסט, אַז זעהר אָפֿט בין איך מיט איהם נישט מסכים און פֿונדעסטוועגען האַלט איך זיין מיינונג פֿאַר זעהר וויכטיג אין פֿראַגען וועגען דעם פּראָפֿעסיאָנאַלען קאָנגרעס. מען דאַרף באמת לייענען די רעזאָלוציאָן מיט אַ מיקראָסקאָפּ, כדי פֿון איהר אַרויסצולייענען, אַז זי האָט גאָר נישט פֿערווערט צו פֿיהרען די דיסקוסיע וועגען דעם אַלגעמיינעם סטרייק. אַז מיר לייענען די רעזאָלוציע דוכט זיך, אַז די דיסקוסיע וועגען דער פֿראַגע איז אין גאַנצען איבריג. נאָר ווייל די רעזאָלוציע קען מען נאָך פֿערשטעהען אַנדערש אויך און מיר אַלע זענען פֿעראינטערעסירט אין דעם, אַז גראַדע אין דער פֿראַגע זאָלען מיר געהען האַנד אין האַנד מיט די פּראָפֿעסיאָנאַלע פֿעראיינען, דעריבער מוזען מיר גאַנץ זעלבסטשטענדיג די פֿראַגע בע-טראַכטען. נאָך איין שטעלע אין עלם'ס אַרטיקעל איז מיר שטאַרק גע-פֿעלען. ער זאָגט, אַז עס וואָלט אַ סך גלייכער געווען, ווען אויפֿ'ן אָרט פֿון דער אונקלאָרער רעזאָלוציע, וואָס איז פֿול מיט סתירות, וואָלט אָנגענומען געוואָרען אַ ענערגישע רעזאָלוציע, אין וועלכער מען וואָלט קורץ און שאַרף קלאָר געמאַכט די „גרויסע אדונים": אויב איהר וועט האָבען די העזה אויפֿצוהעבען אַ האַנד אויף דאָס אַלגעמיינע וואַהל-רעכט וועלען אלע פּראָפֿעסיאָנאַל-אָרגאַניזירטע אַרבייטער אָנווענדען זייער גאַנצע עקאָנאָמישע קראַפֿט און וועלען נישט צו לאָזען דעם פֿערברעכען. איך האַלט די מיינונג פֿאַר זעהר ריכטיג. ווייטער זאָגט ער אין זיין אַרטיקעל: די פּראָפֿעסיאָנאַלע פֿעראיינען זענען מעהר פֿעראינטערעסירט אין דעם אַלגעמיינעם וואַהל-רעכט ווי די פּאַרטייען. וואָרום צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם וואַהל-רעכט שטעהט אויך אין סכנה דאָס רעכט פֿון פֿער-איינען, פֿערזאַמלונגען און פֿערבינדונגען. עלם זאָגט ווייטער, אַז די פּאָליטישע אַנפֿיהרער ויעלען זיך גאָר נישט דערשרעקען, אויב מען וועט אַרויסגעבען נייע אויסנאַהמסגעזעטצע; דעמאָלס וועלען זיי זיך אומקעהרען צו דער טאַקטיק פֿון דעם יאָהר 1878. דאָס איז זעהר ריכטיג. אין יענער צייט פֿלעגען געהיימע אָרגאַניזאַציעס אויסוואַקסען ווי שוואָמען נאָך אַ רעגען. מיר האָבען זיך געשפּיעלט מיט דער פּאָליציי ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. פֿאַר אַ סך חברים איז דאָס געווען אַ אמת'ע שמחה, אַ פֿערגניגען; נאָך איצט, אַז מיר קומען זיך צוזאַמען אין דעם ענגען קרייז פֿון חברים האָבען מיר די גרעסטע הנאָה איינער דעם אַנדערען צו דערצעהלען מעשות

פֿון יענער צייט, ווי מיר האָבען די פּאָליציי געפֿיהרט פֿאַר'ן נאָז, ווי מיר האָבען זיך מיט איהר געשפּיעלט. און ווען אַפילו אַנדערע חברים האָבען געמוזט אין טורמע געהען, טאָ וואָס איז דאָס פֿאַר אַן'אומגליק? מיר זענען דאָרט כמעט אַלע שוין געזעסען און עס וועט נאָך קומען אַ צייט, אַז דער, וואָס איז קיין מאָל נישט געזעסען וועט זיך רעכענען נישט פֿאַר קיין אמת'ן חבר. קלאָגעדיג וואָלט געווען די פּאַרטיי ווען זי וואָלט אויפֿגעהערט צו שיטצען איהרע מעשליכע און בירגערליכע רעכט צוליעב מורא פֿאַר'ן פּראָקוראָר אָדער פֿאַר אַ שטראָף. פֿאַר אונזערע אויגען אָפּפֿערן טויזענדער פֿון אונזערע חברים אין רוסלאַנד מיט זייער גאַנצען לעבען, ווען מיר דען נישט גענוג מיט אָבצוזיטצען אַ פּאָר חדשים אין געפֿענגעניש אָדער נאָך אַ ערגערע שטראָף אַריבערטראָגען, אויב מיר וועלען מוזען בעשיטצען אונזערע רעכט!

אָהן אַ שום ספק איז די פֿראַגע וועגען אַ אַלגעמיינעם פּאָליטישען סטרייק איינע פֿון די וויכטיגסטע פֿראַגען וועלכע אינטערעסירען אי די פּראָפֿעסיאָנאַלע פֿעראיינען אי די פּאַרטייען. די מיטגליעדער פֿון די פּראָפֿעסיאָנאַלע פֿעראיינען זענען דאָך אין דער אייגענער צייט אויך בירגער פֿון דער מלוכה און אַלס בירגער זענען זיי שטאַרק פֿעראינטערעסירט אין דער פּאָליטישער לאַגע פֿון דער מדינה, נישט נאָר אין דער עקאָנאָמישער. וואָס איז דען אַ מלוכה? ווער עס וויל זיך גרינדליך בעקענען מיט דער פֿראַגע זאָל לייענען די ווערק פֿון ענגעלס וועגען פֿאַמיליע, פּריוואַט־אייגענטום און מלוכה, און אויב ער וועט נישט פֿערשטעהען צום ערשטען מאָל זאָל ער לייענען אַ צווייטען מאָל און אַ דריטען מאָל. דעמאָלס וועט ער וויסען, וואָס דאָס איז מלוכה. אַ מלוכה ווערט נויטיג נאָר דאַמאָלס, ווען אויפֿ'ן אָרט פֿון דער אַלגעמיינער פֿאַמיליע און שטאַם, וואָס זענען בעגרינדעט אויף קאָמוניזם (אַלגעמיינעם אייגענטום) קומט דאָס פּריוואַט־אייגענטום. ווי נאָר די ענטוויקלונג קומט צו דעם פּונקט הויבען זיך באַלד אָן קלאַסען־שטרייקען, די בעזיטצענדע ווערען פֿיינד פֿון די נישט בעזיטצענדע און פֿערקעהרט, דער בעזיטצענדער קלאַס בעשאַפֿט די הערשענדע מאַכט כדי צו דערדריקען די מאַסען און גרינדעט די מלוכה, כדי דורך איהר מאַכט צו בעשיטצען זיינע אינטרעסען פֿון די אינטערעסען פֿון דעם נישט־בעזיטצענדען. ווייטער, ווי עס בייטען זיך נאָר די פֿאָרמען פֿון דער פּראָדוקציע און די מיטלען פֿון דער פֿערטיילונג פֿון די פּראָדוקטען, בייט זיך אויך די פֿאָרם פֿון דער מלוכה. אַזוי זעהען מיר, אַז די אַלטערטימליכע רעגיערונג, וואָס איז געווען געשטיצט אויף דער אַרבייט פֿון די קנעכט בייט זיך איבער אין אַ פֿעאָדאַלע רעגיערונג, וואָס איז שוין געגרינדעט אויף דער אַרבייט פֿון די לייב־אייגענע (קרע-

פֿאָסטניע). אין דער פֿעאָדאַלער מלוכה בילדעט זיך אויס די שטאָדטישע בורזשואַזיע, איהרע אינטערעסען ענטוויקלען זיך און ווערען געשטערט דורך די פֿעאָדאַלע אָרדנונג. צוליעב דעם ווערט בעשאַפֿען אַ נייע פֿאָרם — די אַבסאָלוטע רעגיערונג. דאַן שטעהט אויף די היינטוועלטיגע בורזשואַזיע, וועלכע ערקלערט מלחמה אי דער פֿעאָדאַלער אָרדנונג, אי דער אַבסאָלוטער און גרינדעט סוף כל סוף אַזאַ אָרדנונג, וועלכע שטימט איין מיט איהרע אינטערעסען — אַ קאָנסטיטוציאָנס־מלוכה, — מיט הילף פֿון רעוואָלוציעס, וועלכע האָבען אויפֿגעציטערט גאַנץ איראָפּאַ. עס איז נור אַ געלעכטער, ווען מען וואַרפֿט אונז פֿאָר, אַז מיר ווילען מאַכען אַ רעוואָלוציע, חאָטש אַלע רעוואָלוציעס ביז אַהער האָט געמאַכט די בורזשואַזיע. אמת טאַקי, די בורזשואַזיע האָט געגעבען די אַרבייטער אַ בעשטימטע צאָהל פֿון רעכט, נאָר דאָס הויפּטרעכט, דאָס וואַהל־רעכט, גיט זי זיי נאָר דאַמאָלס ווען זי האָט שוין נישט די מעגליכקייט זיי נישט צו געבען. נאָך דער אייגענער לאָגיק, לויט וועלכער די אונטערדריקטע קלאַסען האָבען ביז אַהער אין דער געשיכטע פֿון דער מענשהייט פֿערכאַפּט די רעגיערונגס־מאַכט, כדי דערנאָך איבערצומאַכען די מלוכה און די געזעלשאַפֿט לויט זייערע קלאַסען־אינטערעסען, אַזוי מוז אויך דער לעצטע אונטערדריקער קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט, פֿערנעהמען די פּאָליטישע מאַכט, כדי צו בעשאַפֿען דורך איהר הילף די סאָציאַלע איינריכטונגען, וועלכע מאַכען זיין קראַפֿט פֿאַר אונצושטערט. סוף כל סוף מוז, פֿערשטעהט זיך, קומען די לעצטע מפּלה פֿון דער מלוכה, ווייל אין דער נייער געזעלשאַפֿט וועלען שוין מעהר נישט זיין קיין קלאַסען־אונטערשיעדען מיט זייערע ענטגעגענגעזעצטע אינטערעסען, און דאָס עגסיסטירען פֿון דער מלוכה, אַלס רעגיערענדע מאַכט, וועט פֿערליערען איהר זין און בעדייטונג. נאָר ביז צו יענער צייט — און ווען דאָס וועט זיין ווייס איך נישט, אפשר נאָך זעהר לאַנג, — מוזען מיר מיט אַלע מעגליכקייט שטרעבען צו פֿערנעהמען די רעגיערונגס־מאַכט.

חברים! עס וואָלט געווען געגען דער לאָגיק, עס וואָלט געווען אַ אונגעזעהענע ערשיינונג, ווען אַ זאַ מעכטיגע קלאַס אין מאָראַלישען, פֿיזישען און גייסטיגען זין, ווי עס איז דער איצטיגער אַרבייטער־קלאַס וואָלט זיך אָבגעזאָגט פֿון דעם, צו וואָס אַלע אונטערדריקטע קלאַסען האָבען ביז איצט זעהר ריכטיג געשטרעבט. דאָס וואָס איז געראָטען, מוז זיך אונז אויך איינגעבען. אויף וואָס פֿאַר אַ אופן — דאָס הענגט אָב פֿון דער פּאָליטישער לאַגע, וועלכע ווערט בעשאַפֿען נישט דורך אונז, נור דורך אונזערע געגנער. מיר קענען אונזערע געגנער נאָר זאָגען: זייט פֿאָרזיכטיג; אין 20־טען יאַהרהונדערט האָט איהר זיך שוין געמעגט אָבלערנען פֿון

דער היסטאָריע, צו וואָס פֿאַר אַ רעזולטאַטען עס קען ברענגען אייער ווילען צו רעגיערען אַנטקעגען דעם ווילען פֿון דעם גרעסטען טייל פֿון פֿאָלק. דאָס איז אַ אונמעגליכע זאַך.

איצט האָט מען פֿאָרגעלעגט, אַלס דאָס לעצטע מיטעל אײנצואָרדנען דעם אַלגעמיינעם שטרייק אין דער פֿאָרם, ווי עס מיינען די אַנאַרחיסטען. דער אַנאַרחיזם איז נאָך זיין אינהאַלט אַ ריכטיגער המשך פֿון דעם בורזשואַזען ליבעראַליזם און אינדיווידואַליזם. דער בעסטער בעוויז איז דאָס ווערק פֿון שטירנער (ארויסגעגעבען אין יאהר 1845) „דער אײנציגער און זיין אײגענטום“, וועלכעס ענטהעלט אין זיך נישט נאָר דעם אַנארחיזם נאָר אויך דעם אַנאַרחאָ־סאָציאַליזם. דער אַנאַרחיזם האָט אין זיך די אייגענע תורות, וועלכע עס ענטוויקעלט דער ליבעראַליזם. דער אַנאַרחיזם זאָגט: מיר ווילען נישט וויסען פֿון קיין שום מלוכה, איך — דאָס בין איך אַליין, אַלעס אַנדערע איז מיר גאָר נישט נוגע. די רעגירונג איז אַ מין אָנשיקעניש, אַ צוזאַמענגעקליבענע (קאָנצענטירטע) קראַפֿט, וועלכע דערשטיקט מיך און נעהמט ביי מיר צו מיינע אינדיווידועלע פֿרייהייט; מיר האַרט די רעגירונג גאָר נישט; ענטוויקעלט אייערע אונדיווידועלע מעלות, אַלס פּראָלעטאַריע, און דעמאָלס וועט איהר זעהען וואָס איהר וועט דערגרייכען. דאָס איז דאָך אָבער דאָס אומגליק, אַז די טייערסטע אונדיווידועלע מעלות, די שענסטע זאמען פֿון דער מענשליכער פֿאָלקאָמענהייט, וועלכע די אַלע מאַסען האָבען אין זיך, קענען נישט ענטוויקעלט ווערען ביי דער איצטעקזיסטירענדער סאָציאַלער אָרדנונג, און נאָר צופֿעליג ענטוויקלען זיי זיך אַ מאָל ביי אַ איינצעלנעם מענשען, וואָס איז אויסגעוואַקסען אין אָרעמקייט און נויט, און מאַכען איהם פֿאַר אַ גרויסען מענשען. די איצטיגע געזעלשאַפֿט איז בעגרינדעט אויף דעם, וואָס זי פֿערדאַרבט די אינדיווידואַליטעט אין די ברייטע מאַסען, און די רעגירונג איז טאַקי דערפֿאַר, אַז די אינדיווידואַליטעט פֿון די מאַסען זאָל ווערען דערשטיקט. און דאָ זאָגט אונז פֿרידעבערג, אַז מיר מוזען די רעגירונג לאָזען אין רוה און זיך מיט איהר נישט פֿערנעהמען. דער אַלגעמיינער סטרייק וועט אונז שוין שיטצען פֿאַר אַלע אומגליקען; מיט איהר הילף וועט צערשטערט ווערען די בורזשואַזיע געזעלשאַפֿט, — איי, ווי וועט די רעגירונג צו גרונד געהן, — איבער דעם דאַרפֿען מיר אונז דעם קאָפּף נישט ברעכען. אויב דער אַלגעמיינער סטרייק וועט ווערען איינגעאָרדנעט, וועט די רעגירונג בלייבען הענגען אין דער לופטען —— פונקט, אַזוי ווי איהר ווילט זיך דאָס אַליין. דער אלגעמיינער סטרייק וועט אונמעגליך מאַכען די מלחמות, ער וועט צונעהמען דאָס געוועהר ביי די סאָלדאַטען, און וועט ווי דאָרך אַ נס איינפֿיהרען דעם 8 שטונדען

לאנגען אַרבייטס-טאָג; מיט איין וואָרט דער אַלגעמיינער סטרייק איז אומעטום אין איבעראַל. און דאָס פֿערשכּורט אזוי, אַז מען הערט פּשוט אויף צו פֿערשטעהען וואָס עס טהוט זיך. דער סוף דערפֿון איז שטענדיג דער, אַז מען וויל מאַכען פֿון דער אַרבייטער-בּעוועגונג אַ ריין פּראָפּעס-יאָנאַלע. נישט שטענדיג שטרעבּט מען צו דעם מיט אַ כּיון, נאָר צו דעם קומט מען לאָגיש: די חסידים פֿון אַלגעמיינעם סטרייק פֿערליערען בּיסלעכוויוז די אמונה אָן די פּאָליטישע מיטלען און אָן דער נויטיגקייט פֿון דעם פּאָליטישען קאַמפּף און זאָגען זיך בּיסלעכוויוז אָב אַנטייל צו נעהמען אין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

מיט דער פֿראַגע וועגען אַ אַלגעמיינעם סטרייק האָבּען זיך שוין בּעשעפֿטיגט אַ גרויסע צאָהל פֿון אינטערנאַציאָנאַלע (פֿון פֿערשידענע נאַציאָ-נען) סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען. צום ערשטען מאָל איז דאָס געווען אין פּאַריז אין מאַי 1889. טרעסאַ פֿון מאַרסעל האָט דעמאָלס געזאָגט, אַז די מאַניפֿעסטאַציע פֿון 1-טען מאַי וועט אַריבּערגעהען אונבּעמערקט, אַז מען מוז איהר אינטערשטיצען מיט אַ אַלגעמיינעם סטרייק און אַז דער קאָנגרעס דאַרף אָננעהמען אַ בּעשלוס וועגען דעם אַלגעמיינעם סטרייק און דערמיט מאַכען אַ אָנהויב פֿון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. זיין פֿאָרשלאַג איז אָבּער דעמאָלס געוואָרען פֿערשטויסען דורך אַ געוואַלדיגען רובֿ-דעות. אויפֿ'ן צווייטען קאָנגרעס אין בּריסעל האָט Domela Nieurrenhuis פֿאָר-געשלאָגען, אַז די סאָציאַליסטען פֿון אַלע לענדער זאָלען זיך ווענדען צום פֿאָלק פֿון אַלע לענדער מיט אַנ'אויפֿרוף וועגען אַ אַלגעמיינעם סטרייק אין דעם פֿאַל, ווען עס וועט ערגיץ-וואו פֿאָרקומען אַ מלחמה. דיעזער פֿאָרשלאַג איז אויך נישט אָנגענומען געוואָרען. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פֿון 1893-טען יאָהר אין ציריך האָט איבּערגעגעבּען אַ בּעזאָנדערע קאָמיסיע צו פֿערנעהמען זיך מיט דער פֿראַגע וועגען אַ אַלגעמיינעם אין אַ גאַנץ-וועלטיגען סטרייק. די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבּייט אַ רעזאָלוציע, איבּער וועלכער מען האָט דערנאָך אַפֿילו נישט געפֿיהרט קיין דיסקוסיע. די רעזאָלוציע איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז לייענ-דיג דאָס מאַטעריאַל, בּין איך אַליין געווען גאַנץ איבּערראַשט פֿון איהר אינהאַלט. זי געפֿינט פֿאַר אונמעגליך אַ סטרייק אין דער גאַנצער וועלט, האַלט אָבּער פֿאַר מעגליך אַ פּאָליטישען מאַסען-שטרייק, נאָר מיט דער בּעדינגונג, אַז עס זאָלען עקזיסטירען שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס. נאָך מיין מיינונג איז די רעזאָלוציע אַ סך קלאָרער, ווי די, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויפֿ'ן אַמסטערדאַמער קאָנגרעס. אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין לאָנדאָן אין דעם יאָהר 1896 האָט מען זיך אויך פֿערנומען מיט דער פֿראַגע וועגען אַ אַלגעמיינעם סטרייק. אין דער רעזאָלוציע

וועגען דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פֿון דעם אַרבייטער-קלאַס (דער רעפֿערענט איז געווען מאָלקענבורג) שטעהט: „דער קאָנגרעס האַלט דעם סטרייק און דעם באָיקאָט פֿאַר נויטווענדיגע מיטלען כדי צו דערגרייכען צום ציעל פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, נאָר ער געפֿינט, אַז עס זענען נאָך נישט דאָ די נויטיגע קראַפֿטען וואָס מאַכען מעגליך אַ אינטערנאַציאָנאַלען אַלגעמיינעם סטרייק. די נאָהנעטע אויפֿגאַבע איז די אָרגאַניזירונג פֿון די אַרבייטער-מאַסען אין פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, וואָרום פֿון דער גרויס פֿון דער אָרגאַניזאַציע הענגט אָב די מעגליכקייט צו פֿערברייטען דעם סטרייק אויף גאַנצע צווייגען פֿון דער פֿאַבריקאַציע אדער אויף גאַנצע לענדער“. אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין פֿאַבריק איז די פֿראַגע וועגען דעם אַללגעמיינעם סטרייק געשטאַנען אויפֿ'ן לעצטען אָרט. דער רעפֿערענט לאָגין האָט דעמאָלס געזאָגט: כל זמן מיר האָבען נישט קיין שטאַרקע רעזאָלוציעס קען גאָר די רעדע נישט זיין פֿון אַ אַלגעמיינעם סטרייק. די בורזשואַזיע וואָלט זעהר צופֿריעדען געווען פֿון אַ אַלגעמיינעם סטרייק פֿון נ י ש ט אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע מאַסען; אין עטליכע טעג וואָלט זי זיי פֿערניכטעט, אין דעם ערגסטען פֿאַל דורך בעוואָפֿענטע קראַפֿט, און די רעזולטאַטען פֿון צעהנדליגער יאָהרען אַרבייט וואָלטען אַוועק אין גאָר נישט. ס'איז אָנגענומען געוואָרען מיט 27 שטימען געגען 7 די רעזאָלוציע פֿון לאָנדאָנער קאָנגרעס.

בּכֵן זעהט איהר אַז די פֿראַגע וועגען דעם אַלגעמיינעם סטרייק איז נישט אָבגעשטויסען. דאָס אייגענע האָט אויך אָנגענומען דער אַמסטערדאַמער קאָנגרעס מיט 36 שטימען געגען 4. אין דעם עיקר זענען אַלע מסכים: אַ אַלגעמיינער שטרייק איז אַ נויטיגעס און אַ וויכטיגעס מיטעל, מען דאַרף עס אָנווענדען באַלד, ווי עס וועלען זיך נור געפֿינען די נויטיגע קראַפֿטען אין אָרגאַניזאַציעס איהם אויסצופֿיהרען. דער פּאַרטיי-טאָג אין ברעמען האָט אויך בעטראַכט די אייגענע פֿראַגע. אויפֿ'ן קעלנער קאָנגרעס איז בעמעלבורג שטאַרק אָנגעפֿאַלען אויף די טהעאָרעטיקער, וואָס בעריהרען גאָר אַ זעלכע פֿראַגען, וועגען וועלכע זיי האָבען נישט קיין פּראַקטישע ידיעות. ראָבערט שמידט האָט דאָרט פֿערגליכען דעם מאַסען-שטרייק צו אַ שטריק, וואָס מען וואַרפֿט ארויף אויפֿ'ן האַלז פֿון דעם ארבייטער קלאַס און מען רופֿט די בורזשואַזיע דעם שטריק צו פֿערציעהען. בעמעלבורג האָט בעוויזען, אַז די אַרבייטער-בעוועגונג דאַרף האָבען רוהע כדי צו קרעפֿטיגען איהרע אָרגאַניזאַציעס אין די פֿראַגע וועגען אַ מאַסען-שטרייק רופֿט אַרויס נור אונרוהע אין מחלקת'ן. דערנאָך איז די פֿראַגע אַריבער צו ווייטערע ויכוחים, דער חבר היינע האָט וועגען איהר געשריבען אין דעם סעפּטעמבער-ביכעל

פון „סאצ.-מאנאטסהעפטע". אין זיין ארטיקעל פאלט ער אן זעהר שארף אויף דאס ווערק פון הענריעטע ראלאנד-האלסט. היינע איז א הייסער געגנער פון דעם מאסען-שטרייק, א זא שארפע קריטיק געגען וואס עס איז פאר א אידעע האב איך נאך קיין מאל נישט געלייענט. היינע בענוצט זיך מיט זיינע אדוואקאטסקע קענטעניסען אין ברענגט איינע נאך דעם אנדערען פאראגראפען פון די קרימינאל-געזעטצען, אפילו פאראגראפען וועגען פערברעכען געגען די מלוכה אין דעם פאטערלאנד, וועגען בעלאגערונגס-צושטאנד אין דערגלייכען, אין בײ נישט בעזונדערס פעסטע חברים איז א ודאי ארוים א קאלטער שוויים אויפן גאנצען קערפער. ווען זיי האבען געהערט וועגען די סכנות, וואס א מאסען-שטרייק אין דייטשלאנד קען ברענגען. ער בעמערקט, אז דעמאלס וועט מען אנווענדען די קריעגס-געזעטצען, ווארום אזא קאלאסאלע בעוועגונג ווי א מאסען-שטרייק קען בשום אופן — נאך זיין מיינונג — רוהיג נישט פערלויפען, האמש צוליעב דער פראוואקאציע פון די געגנער. א חבר, וואס האט מיט מיר גערעדט וועגען היינע'ס ארטיקעל, האט געזאגט: נישט ווילענדיג האט היינע אויפגעקליעבען א גלענצענדען מאטעריאל פאר'ן פראקוראר אויף צו בעשולדיגען. איך האב געענטפערט, אז די פראקורארען זענען גאר נישט אזוי נאריש. נישט די גרעסטע נארען ווערען דאך פראקוראר'ען. אין וואלט א פראקוראר ארויסגעשטעלט א זעלבע בעשולדיגונגען ווי היינע וואלט ער אפילו פון קלאסען-געריכט אוועק מיט גאר נישט.

היינעס מיינונגען זענען אין גרונד פאלש. איך לייקען אב גאנץ בעשטימט, אז א מאסען-סטרייק מוז ברענגען צו א זעלבע פאלגען, ווי היינע זאגט נביאות. דאס, וואס ער זעהט פאראוים בײ א מאסען-סטרייק קען אייגענטליך פארקומען אויך בײ א געוועהנליכען גרויסען סטרייק. ווען, למשל, די בערג-ארבייטער וואלטען בײ'ן אנהויב פון זייער גרויסען שטרייק זיך אנגעפרעגט בײ היינ'ען, וואלט ער זיי גאנץ בעשטימט נישט געראטען. און אין דער אמת'ען האט דער סטרייק פון די בערג-ארבייטער נישט געגעבען דעם פראקוראר קיין שום גרונד זיך אריינצומישען. די בערג-ארבייטער האבען איינגעארדענט א געוואלדיגען סטרייק, נאך א גרעסערען ווי א מאסען סטרייק אין וואס עס איז פאר א לאנד, און דער סטרייק איז אריבער זעהר רוהיג. איך בין דעמאלס געקומען פון דער אונטערנאציאנאלער בעראטונג אין בריסעל אין בין געוועזן פערוואונדערט פון דער יום-טוב-רוהע, וואס האט געהערשט און רוהרער געגענד. פון קיין איין קוימען איז נישט געגאנגען קיין רויך, אין געוועהנליך, ווייסט איהר דאך, מוז מען צוליעב דעם רויך פערמאכען די פענסטער פון וואגאן. דאס גאנצע לאנד איז געוועזן א פרעכטיגע גרינע פלעכע, מיט ליעבע בעלויכטען פון די גאלדענע

זון=שטראַהלען. אין די דערפֿער איז געווען רוהיג, אַזוי ווי עס וואָלט קיינער אין זיי נישט געוואוינט. אויב דאָס איז געווען מעגליך ביי אַרבייטער, וואָס שטעהען אויף גאָר אַ ניעדריגער מדרגה אין זייער קולטורעלער און פּאָליטישער ענטוויקלונג, פֿאַר וואָס=זשע זאָל דאָס נישט מעגליך זיין פֿאַר אונז, וואָס האָבען אַ סך מעהר מיטלען, אַ סך מעהר ענטוויקעלטע אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין? פֿאַר וואָס דאַרפֿען מיר קלערען, אַז גראָד ביי אונז וועלען פֿאָרקומען אַ זעלכע פֿאָלגען, ווי היינע זעהט פֿאָראויס?

אין נאָך אַלעמען איז דאָך דאָ אַ פּונקט, וואו עס קען גאָר די רעדע נישט זיין וועגען הֶיזֵקות. שילער זאָגט, „אַז גאָר נישט ווערטה איז די נאַציאָן, וועלכע אָפּפֿערט נישט מיט שמחה אַלץ פֿאַר איהר כבוד“. יע, גאָר נישט ווערטה און קלאָגעדיג וואָלט געווען דער אַרבייטער=קלאַס, ווען ער וואָלט אַריבער=געטראָגען ניעדערטרעכטיגקייטען און וואָלט קיין מוטה נישט געהאַט זיך שטעלען געגען זיינע בעליידיגער. פֿאַר אַייערע אויגען האָט איהר רוסלאַנד, די יונער שחיטה, די קאָמונע פֿאַר די געפּייניגטע. צי וועט איהר דען נישט אַריבערטראָגען איינינע וואָכען הונגער, ווען איהר וועט מוזען בעשיצען אַייערע העכסטע מענשליכע רעכט? צו וועניג קענט איהר דעם דייטשען אַרבייטער, אויב איהר צווייפֿעלט, אַז ער איז גרייט דערצו. מיר רופֿען נישט אַרויס אַ זעלכע לעצטע מיטלען, מיר בעשיצען זיך נור. די פֿראַגע וועגען אַלגעמיינעם סטרייק האָט נישט נור אַ טהעאָרעטישע בעדייטונג, דאָס איז זעהר אַ וויכטיגע פּראַקטישע פֿראַגע וועגען דאָס געוועהר צום קאַמפּף, וועלכע מען מוז אָנווענדען. היינע זאָגט נישט קיין איינציג וואָרט וועגען דעם ווי זיך צו בעשיצען. ער זאָגט נור, אַז דאָס מיטעל טויג נישט, ער שלאָגט אָבער נישט פֿאָר קיין אַנדערעס. צו וועלען מיר דען אין דער אמת׳ען אַריבערטראָגען אַלע עַוְלות?

מען זאָגט, אַז אַ מאַסען=סטרייק איז אַ שלעכט געוועהר. נור אין דעם יאָהר 1891 איז אָבגעגאָלטען דער מאַסען=סטרייק אין בעלגיען און האָט ערקעמפּפֿט דאָס אַלגעמיינע וואַהל=רעכט. דער רעזולטאַט פֿון דעם סטרייק איז נאָך געווען אַ סך גרעסער ווי פֿון דעם בערג=אַרבייטער=סטרייק וועלכער איז אויך געווען אַ פּאָליטישער און האָט אויסגעפֿיהרט נור אַ קלאָגעדיגעם געזעטץ וועגען די בערג=אַרבייטער. אונזערע בעלגישע חברים האָבען געקריגען אין פּאַרלאַמענט 33 פּלעצער צווישען 140. אין דעם יאָהר 1902 האָבען די עסטרייכישע בערג=אַרבייטער איינגעאָרדענט אַ סטרייק אין מאָראַוויען און סילעזיען; דער סטרייק האָט געפֿיהרט די אַרבייטער צום נצחון. זיי איז גאַראַנטירט געוואָרען 9 שעה אַרבייטס=טאָג, צו וואָס מיר האָבען נאָך עד היום נישט דערגרייכט. אין באַרצעלאָנאַ האָט מען אויך איינגעאָרדנעט אַ „סטרייק צוליעב אַחדות“, אַ אמת׳ן אַנאַרכיסטישען סטרייק.

ביי אונז אין דייטשלאַנד קלערט קיינער נישט וועגען אַ זעלכע סטרייקען צוליעב אחדות, נישט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, און נישט די פּאַרטיי. אַט דער סאָרט סטרייקען, ווען אַלע אַרבייטער פֿון אַ בעשטימטען געגענד סטרייקען, כדי צו העלפֿען דורכצופֿיהרען די פֿאָדערונגען פֿון אַ בעשטימטען טייל, — די סטרייקען מוזען שטענדיג האָבען אַ מַפָּלָה. ווייטער, אין שוועציע האָט מען אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַטיווען סטרייקען — דאָס וועלען מיר אויך קיין מאָל נישט טהון, מאַכען אַ סטרייק איז שוין פֿון פֿריהער ערקלרען, אַז ער וועט דויערן נישט מעהר ווי דריי טאָג. פֿונדעסטוועגען האָט דער סטרייק אויך געבראַכט צו גוטע רעזולטאַטען. די שוועדען האָבען אויסגעפֿיהרט, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט בעשלאָסען פֿאָרצולעגען דער רעגירונג אויסאַרבייטען אין פֿערלויף פֿון צוויי יאָהר אַ נייעם פּראָיעקט פֿון וואהלרעכט. דאָס אַלטע געזעטץ, געגען וועלכען מען האָט געמאַכט דעם דעמאָנסטראַטיווען סטרייק האָט שוין גאָר נישט געטויגט פֿאַר'ן לעבען. מיר זעהען אַלזאָ, אַז עס האָבען געהאַט הצלחה אַפֿילו אַ זעלכע סטרייקען, וועלכע מען האָט געמאַכט ביי אַ זעלכע בעדינגונגען, וואָס איך וואָלט אויף זיי אין דייטשלאַנד בשום אופֿן נישט מסכים געווען. אויסער דעם האָט מען אין איטאַליע געמאַכט אַ מאַסען־סטרייק דערפֿאַר, וואָס מען האָט געשאָסען אין אַרבייטער. דער מאַסען־סטרייק איז אויסגעבראָכען פּלוצלונג. 200,000 אַרבייטער, צום גרעסטען טייל נישט אָרגאַניזירטע האָבען אָבגעשטעלט די אַרבייט און האָבען געצוואונגען די רעגירונג צו צוזאָגען, אַז מעהר וועלען שוין קיין שיסערייען צו די אַרבייטער נישט פֿאָרקומען. אַזאַ הריגה איז אַפֿילו היינטיגס־יאָהר ווידער פֿאָרגעקומען, פֿונדעסטוועגען האָט אָבער דער סטרייק געהאַט דעם ערפֿאָלג, אַז באלד ביי די וואַהלען איז געשטיעגען די צאָהל פֿון אונזערע שטימען פֿון 165000 אויף 316000. מיר זעהען דערפֿון, אַז אַפֿילו דער סטרייק האָט נישט געמאַכט קיין שלעכטען איינדרוק אויף די מאַסען, חאָטש אַלע בורזשואַזנע פּאַרטייען זענען געווען העכסט אויפֿגערעגט אויפֿ'ן סטרייק און ווי איין מאַן געשטימט געגען אונז. דעם פֿריהלינג האָט מען אויך געמאַכט אַ סטרייק אויף די איטאַליענישע אייזענבאַהנען; איך האָב אַליין זיך צוגעקוקט צו איהם אין נאָרד איטאַליע. דער סטרייק איז נישט געראָטען. נור די הויפּט־שולד האָט אין דעם — לויט ווי מען זאָגט, איך וויים נישט אויב ס'איז ריכטיג — אונזער פֿראַקציע (גרופּע) אין דעם איטאַליענישען פּאַרלאַמענט. וועגען אַ מאַסען־סטרייק אין דער שווייץ האָט נאָך קיינער נישט געקלערט. אונגעפֿעהר מיט 7 יאָהר צוריק האָבען די אַרבייטער און די בעאַמטע פֿון דער שווייצאַרישער צפֿון־מזרח־באַהן פּלוצלונג אַ זייגער ביי נאַכט אָבגעשטעלט אַלע אַרבייטען, און אַז אויף איין סטאַנציע האָט דער עלטערער בעאַמטער אַ פֿרעג געטהאָן אין דער

אַנדערער סטאַנציע: „וואו איז דער צוג נומער 12?“ האָט ער געקריגען אַ תשובה, קורץ און שאַרף: „דער צוג בלייבט דאָ“. די זאַך איז געווען אָבגעמאַכט, זיי האָבען געשטרייקט 3 טאָג; די דירעקציע האָט זיך אַריינגעלעגט אין אַ שלום און די אַרבייטער האָבען אויסגעפֿיהרט אַלץ וואָס זיי האָבען געוואָלט, אמת טאָקי מיט הילף פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג. צום סוף וועל איך אייך נאָך דערמאָהנען אָן די מאַסען־סטרייקען אין רוסלאַנד. דאָרט זענען אונזערע פּאַרטיי־חברים אין גאַנצען בערויבט פּאָליטישע רעכט און מיטלען, און פֿונדעסטוועגען ווערען אויסגעפֿיהרט מאַסען־סטרייקען דריי—פֿיער מאָל נאָכאַנאַנד אין איין אָרט מיט אַ ענערגיע, וועלכע פֿערדיענט די גרעסטע בעוואונדערונג.

דאָס איז געווים נישט צופֿעליג, וואָס די פּאָליטישע מאַסען־סטרייקען הובען זיך ערשט אָן פֿון דעם יאָהר 1893, ווען מען האָט געמאַכט דעם ערשטען סטרייק אין בעלגיע, דערנאָך געהט שוין אַראָב די פֿראַגע פֿון דער סצענע ביז צום יאָהר 1902, פֿון דאַמאָלס אָן ביז 1905 זענען געמאַכט געוואָרען אַ גרויסע צאָהל פֿון מאַסען־סטרייקען. עס איז אַלזאָ נישט ריכטיג די מיינונג, אַז אַלע מאַסען־סטרייקען האָבען נישט געהאַט קיין הצלחה. איך פֿרעג אייך, חברים פֿון די פּראָפֿעסיאָנס־פֿעראיינען: וויפֿיעל סטרייקען האָבען זיך ביי אייך אויסגעלאָזען מיט גאָר נישט, כל זמן איהר האָט נישט געהאַט קיין גרויסע אָרגאַניזאַציעס. אַ אונגעהייערע מאַסע, און נאָך איצט אויך געבען זיך נישט אַלע סטרייקען איין. נור ביז אַהער פֿלעגען געמאַכט ווערען די מאַסען־סטרייקען מיט זעהר ווייניגע מיטלען, מיט טיילווייזע נישט אָרגאַניזירטע אַרבייטער. דאָס הייס איך אייך, חברים, אויך נישט טהון, קיינער וועט אייך דאָס נישט הייסען, דאָס וואָלט געווען אַ משוגעת. אונזער מיינונג איז איידער מיר זאָלען אָנהויבען אַ זאָ געוואַלדיגע מלחמה, מוזען מיר זיך גרינדליך אָרגאַניזירען, אַגיטירען, בילדען די מאַסען אין פֿראַגען פֿון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק, זיי זאָלען פֿערשטעהען זייערע ציעלען און זיין פֿעהיג צום קאַמפּף, מיר מוזען זיי בעגייסטערן פֿאַר דעם מאָמענט, ווען מיר וועלען זיי מוזען זאָגען: עס איז געקומען די צייט אַלץ צו שטעלען אויפֿ'ן קאָרט, וואָרום דאָ געהט וועגען אַ לעבענס־פֿראַגע פֿאַר אייך, אַלע מענשען, טאַטעס פֿון פֿאַמיליעס און בירגער. מיר ווילען נישט — אין וועגען דעם איז אין מיין רעזאָלוציע גאָר ניט נישטאָ — בלינד שטופּען די מאַסען צום סטרייק, עס פֿערשטעהט זיך, אַז מיר וועלען בלינד נישט פֿיהרען קיין נישט אָרגאַניזירטע מאַסען צום סטרייק. איך זאָג: מיר מוזען שאַפֿען דאָס, וואָס מיר האָבען נאָך נישט ביז אַהער. דאָס איז אויך דער זין פֿון מיין רעזאָלוציע. דאָס וואָס מיר האָבען, איז נאָך נישט גענוג, נור דאָס, וואָס פֿעהלט, מוזען מיר בע-

שאַפֿען. אויב איהר וועט אַלע אַוועקגעהען פֿון דעם פּאַרטיי־טאָג מיט דעם פֿעסטען בעשלוס צו אַרבייטען אין גייסט פֿון מיין רעזאָלוציע, אויב אונזערע חברים אין גאַנצען לאַנד וועלען אַרבייטען מיט דער הסכמה צו דער רעזאָלוציע, אויב די פּאַרטיי־פּרעסע וועט פֿיעל מעהר ווי ביז אַהער ערפֿילען איהר חוב, און נישט נור די פּאַרטיי־פּרעסע, נור אויך די פּראָפֿעסיאָנעלע וועט בילדען די מאַסען, וועט זיי בעווייזען, אַז זיי מוזען אַנטייל נעהמען אין דער פּאָליטישער אַרבייט, וועט זיי ערקלערען, וואָס פֿאַר אַ סכנה עס שטעהט זיי פֿאָר אַלס בירגער און מיטגליעדער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, וואָס פֿאַר אַ בעדייטונג עס האָט, למשל, דאָס וואַהל־רעכט, — דאַמאָלס וועלען בעשאַפֿען ווערען די נויטיגע מיטלען צום מאַסען־סטרייק אויף דעם פֿאַל, ווען עס וועט נייטיג זיין דעם סטרייק צו אָרגאַניזירען. אויב אָבער מיר וועלען זיך, ווי ראָבערט שמידט, קאַלטבלוטיג זאָגען, אַז די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען קענען סיי ווי סיי נישט מאַכען קיין סוף מיט דעם אַנאַרכאָ־סאָציאַליזם, אויב מיר וועלען אַזוי פֿינסטער קוקען אין דער צוקונפֿט, טאָ וואָס וועט זיין דער סוף דערפֿון? נור דער, אַז די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען וועלען אָנ־עהמען אַ ריין פּראָפֿעסיאָנעלען כאַראַקטער. אַזוי צום ביישפּיעל האָב איך געלייענט די ווערטער פֿון קויטסקי אין דער „נייער צייט“: „אין דייטשלאַנד קען דער פּאָרלעטאַריאַט וועניגער ווי אומעטום עטוואָס ערוואַרטען פֿון דער רעגירונג; ביי דעם רייכסטאַג נעהמט מען צו זיין גאַנצע בעדייטונג, דאָס גאַנצע לעבען“. ווען איך האָב די ווערטער געלייענט, האָב איך צו זיך געזאָגט: דאָס זענען געפֿעהרליכע אויסדריקען, זיי קענען ווערען פֿאַלש פֿערשטאַנען. און, באמת: שטיצענדיג זיך אויף די ווערטער דריקט אוים דער חבר ברינגמאַן אין זיין בראָשיורע: „דער פֿינפֿטער געווערקשאַפֿטסקאָנגרעס און דער קלאַססענקאַמפֿ אין דייטשלאַנד“ פֿאָלגענדע מיינונג: גענוג, דער פּאַרלאַמענטאַריזם אין דייטשלאַנד צופֿאַלט פּשוט אויף שטיקער. דער נצחון פֿון דריי מיליאָן שטימען אין די וואַהלען פֿון 1903 האָט אין דעם פּרט אויך גאָר נישט אומגעביטען, ער האָט נור געווירקט, אַז דער פּאַרלאַמענטאַריזם זאָל גיכער צופֿאַלען. איך האַלט דאָריבער פֿאַר גאַנץ ריכטיג, וואָס דער פֿינפֿטער קאָנגרעס פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען האָט זיך שוין נישט פֿערנומען מיט סאָציאַל־פּאָליטישע פֿראַגען. נאָך אַ לאַנגע צייט האָבען מיר נישט צו האָפֿען אויף די פֿערבעסערונג פֿון אונזער עקאָנאָמישער לאַגע דורך די געזעצגעבונג. ווענינגסטענס, פֿיר די נאָהנטסטע צייט קענען מיר אויסרעכענען נור אויף אונזערע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען; פֿערבעסערען אונזער עקאָנאָמישע לאַגע קענען מיר נור דורך אונזער אָרגאַניזאַציע און דורך אַ שטענדיגען עקאָנאָמישען

קאַמפּף. אויף דער 12-טער זייט פֿון זיין בראָשורע זאָגט ער ווייטער: „די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע צווינגט דעם דייטשען אַרבייטער־קלאַס זיך ווענדען צו דער פּראָפֿעסיאָנעלער בעוועגונג. בײַ איצטיגע בעדינגונגען איז דאָס דאָס איינציגע מיטעל צו פֿערבעסערען די לאַגע פֿון די אַרבייטער. דער קלאַסען־קאַמפּף בײַ איצטיגער צייט קומט פֿאָר אויף׳ן עקאָנאָמישען גרונד; די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען — זענען די פֿאָר־שטעהער פֿון דעם קלאַסען־קאַמפּף". נאָכדעם, ווי ער ערקלערט, אַז די פּאָליטישע טהעטיגקייט האָט אַזוי ווייניג בעדייטונג, קען ער שוין גאָר נישט פֿעררינכטען מיט דעם, וואָס ער ענדיגט זיין רעדע מיט אַ אמת שענער פֿראַזע: אויב ס׳וועט קומען די צייט ווען מען וועט דאַרפֿען בעשיטצען פּאָליטישע רעכט, „קען מען גאַנץ זיכער זיין, אַז די אַרבייטער וועלען בלייבען אויף דער וואַכט אויך אין דעם פֿאַל, ווען מען וועט דאַרפֿען מוטה צום פּאָליטישען קאַמפּף. ווען ס׳וועט דאַצו קומען, וועלען די אַרבייטער, וואָס זענען אָרגאַניזירט און די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען בעווייזען, אַז זיי קענען — ווי העלדען קעמפּפֿען, ווי מענשען זיעגען, און אין דער נויט אויך שטאַרבען ווי גבורים. אמת־טאַקי, זעהר שען, נאָר ווען אַ מענש, וואָס פֿערנעהמט אַ אָנגעזעהענע שטעלונג אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע זאָגט: אויף אַ לאַנגע צייט האָבען מיר נישט די מעגליכקייט פּאָליטיש עטוואָס צו ערדרייכען, וועט דאָך יעדער מיטגליעד פֿון דעם פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראיין — חאָטש ברינגמאַן מיינט דאָס אפילו נישט — צו זיך זאָגען: צו וואָס־זשע דאַרף איך מיינע פּאָאָר גראָשען אַוועק געבען אויף אַ פּאָליטישע פּאַרטיי? די יונגערע חברים וועלען קומען צו דעם בעשלוס, אַז זיי דאַרפֿען גאָר נישט אריינטרעטען אין אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דער פּלפּול פֿערברייטערט זיך אַלץ מעהר, ווייל ער איז דאָס רעזולטאַט פֿון דער איינזייטיגער טהעטיגקייט פֿון די אַנפֿיהרער אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען און נישט ווילענדיג פֿיהרט ער צום אַנאַרכי־סאָציאַליזם. איך מוז אייך נאָך אַ מאָל זאָגען: היט זיך; בעקלערט, וואָס איהר טהוט, איהר געהט אין אַ זעהר ריזיקאַלישען וועג, איהר גראָבט אייך אַליין אויס אַ גרוב!

ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז עס קען גאָר די רעדע נישט זיין וועגען דעם, וואָס מען הערט אַזוי אָפֿט: אַז דער אַלגעמיינער סטרייק דאַרף אַראָבפֿאַלען פּלוצלינג, אין אַ שענעם פֿריהמאָרגען ווי פֿון הימעל, און רעדען וועגען איהם טאָר מען נישט. אַ גרויסע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ווי אונזערע, טאָר נישט פֿיהרען קיין געהיימע פּאָליטיק. מיר מוזען מלחמה האַלטען בײַ העלען טאָג. מיט וואָס פֿאַר אַ אופן קענען מיר פּלוצלינג אין איין שענעם פֿריה־מאָרגען האָבען אויף אונזער זייט די

פֿאָלקס-מאַסען, אויב מיר וועלען זיי פֿריהער נישט קריעגען אין אונזער רשות דורך מאָראַלישע און גייסטיגע קראַפֿט, אויב מיר וועלען זיי נישט בעגייסטערן, ערוועקען אין זיי צוטרויען צו אונז, כדי מיר זאָלען זיי קענען זאָגען: ערשט איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, עס הייבט זיך אָן דער קלאַסען-קאַמפּף און אויב איהר וועט ערפֿילען אייער חוב וועלען מיר זיעגען!

און נאָך עפּיס: מיר האַלטען דאָך נישט מלחמה פֿאַר חלומות און פֿאַר די פֿאָדערונגען פֿון דער „מלוכה אין דער צוקונפֿט“. מיר רעכענען נישט, אַז דורך דעם אַלגעמיינעם סטרייק וועלען מיר צושטערען דעם פֿונדאַמענט פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט; מיר האַלטען מלחמה פֿאַר רעאַלע, ווירקליכע רעכט, וועלכע זענען פֿאַר'ן אַרבייטער-קלאַס לעבענס-נאָטהווענדיגקייט, אויב ער וויל נאָר פּאָליטיש לעבען און עטהמען. ווען מען וועט שטעלען די פֿראַגע וועגען דאָס אָבשאַפֿען פֿון דעם אַלגעמיינעם וואהל-רעכט, איז, ווי עס זענען אפילו פֿערדאָרבען די בורזשואַזע קרייזען, וועט זיך צווישען זיי דאָך געפֿינען אַ גרויסע צאָהל פֿון מענשען, וועלכע וועלען זאָגען, אַז דאָס טאָר מען נישט דערלאָזען, אַז מען טאָר ביי דעם אַרבייטער נישט צונעמען דאָס רעכט, פֿון וועלכען ער האָט קיין מאָל נישט געמאַכט קיין שלעכטען געברוך, און אין די קרייזען וועלען מיר אָהן אַ ספק ערוועקען מיטגעפֿיהל. אויסער דעם, איז מיין קראַפֿט אַ סך גרעסער דאַמאָלס ווען איך בעשיטצע דאָס רעכט, מיט וועלכען איך האָב זיך בענוצט צעהנדליגער יאָהרען ווי אין דעם פֿאַל, ווען איך וויל זיך ערקעמפּפֿען נייע רעכט. ווען איך קען זאָגען די געגנער: אויף אייער זייט איז נור די גראָבע קראַפֿט, איהר ווילט ביי אונז צו-נעהמען אונזערע רעכט, איהר זייט גזלנים, טיראַנען — און אַ זעלכע ווערטער ווירקען שטאַרק אויף די מאַסען און ערוועקען אין זיי אַ געפֿיהל פֿון צאָרן, — וועט עס זיין נור מעשה-שטן אויב צו אונז וועלען זיך נישט אַלאָז טהון ווי אַ ברייטער ים גאַנצע מאַסען, אַפילו פֿון די „קריסט-ליכע“ אַרבייטער. איהר, טהוערס פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, זייט גאַנץ גערעכט, ווען איהר האַלט מלחמה מיט די קריסטליכע אַר-בייטער-אָרגאַניזאַציעס, נור ווען אין דעם יאָהר 1899 איז אין רייכס-טאָג ערוועקט געוואָרען די פֿראַגע וועגען דעם קאַטאָרגע-געזעץ, און די קריסט-ליכע אַרבייטער האָבען דערזעהען, אַז מען טהוט זיי אָן אַ שטריק אויפֿ'ן האַלז כדי צו דערווערגען די טרויעריגע בלומפרשט-פֿרייהייט פֿון פֿער-בונדונגען, זענען זיי צוזאַמען מיט אונז אַרויסגעטראָטען געגען דעם פּראָ-יעקט. זאָל מען נור פּראָבירען צונעהמען ביי אונז דאָס אַלגעמיינע וואהל-רעכט, זאָל מען נאָר העזה האָבען און פּראָבירען צונעהמען ביי

אונז די פרייהייט פון פערבינדונגען! ריכטיג ווי אין דעם סטרייק פון די בערג־ארבייטער האבען די קריסטליכע ארבייטער טאפפער געקעמפפט האנד ביי האנד מיט די פרייע פראפעסיאנעלע פעראיינען, אזוי וועלען זיי אויך אנטייל נעהמען אין דעם קאמפף ביי דעם פאל, ווען אין א געפאהר וועלען שטעהען זייערע לעבענס־אינטערעסען, אלס מיטגליעדער פון דעם ארבייטער־קלאס.

און איז דאס נישט א שרעקליכער, אונגעהערטער סקאנדאל, אז די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי, וועלכע האט ביי די וואהלען אין דעם פרייסישען לאנדטאג בעקומען כמעט דעם גרעסטען טייל שטימען און ביי די וואהלען אין דעם רייכסטאג האט זי זיך בעוויזען אלס די שטארקסטע פארטיי אין פרייסען, האט נישט בעקומען אין לאנדטאג קיין איין מאנדאט פון די 432, אלץ צוליעב דעם קלאגעדיגען אומגליקליכען דריי־קלאסען־סיסטעם פון די וואהלען? אין דעם בין איך מסכים מיט בערנשטיינע׳ן, אז עס וועט קומען די צייט, ווען מיר וועלען זיך מוזען פרעגען: וועט עס דען לאנג דויערען, וועלען מיר דאס נאך לאנג פער־טראגען, אז די יונקערס, גלחים און די בורזשואזיע זאלען אונז טרעטען מיט די פיס, בעגרענעצען דאס וואהל־רעכט אין די קהלות און אלע מאל ערגער מאכען די געזעצע וועגען פערזאמלונגען און פעראיינען? דער־מאהנט זיך די פערענדערונג פון דעם געזעץ פון 1896? דערמאהנט זיך דעם געזעץ וועגען די בערג־ארבייטער, די רעזאלוציע וועגען קאר־טארגע! איך זאג נישט, אז שוין מארגען מוזען מיר זיך נעהמען צו דער ארבייט, דערצו דארף מען האבען א געוויסע שטימונג, און זי מוז ערשט בעשאפען ווערען. נאר פון יענעם צד וועלען זיך געווים אנהויבען רשעות, וועלכע וועלען ארויסרופען א אלגעמיינעם צארן. די פראגע מוז ערשט געשטעלט ווערען. אין דעם פרט זענען מיר דאך א סך ניעדריגער פון דער בורזשואזיע פון די אמאליגע יאהרהונדערטער; די בורזשואזיע האט שטענדיג געקעמפפט, ווען מען האט ביי איהר צוגענומען איהרע רעכט, און מיר שטעהען דא — איך וויל נישט בענוצען דעם הארבען ווארט, וואס ליעגט מיר אויפ׳ן צונג — ווי מענשען, וואס זענען צו אלץ גלייכ־גילטיג. און דאביי דערלאנגט מען אונז איין קלאפ נאכ׳ן אנדערען. לאנג קען דאס נישט דויערן.

פערגעסט נישט, אז ווי עס קומט נור דער סוף פון דעם אלגע־מיינעם וואהלרעכט, דאמאלס איז שוין אויך א סוף פון דער פרייהייט פון פערזאמלונגען אין פעראיינען, א סוף פון די פערבינדונגען, פון אלע רעכט, וואס זענען אונז נויטיג. ווארום באלד ווי אונזערע פיינד וועלען ביי אונז צונעהמען דאס וואהל־רעכט, וועט שוין זיין נאריש פון זייער

זייט לאָזען אונז אַנדערע פּאָליטישע רעכטע, אפילו די קלענסטע. זיי פערשטעהען דאָך גאַנץ גוט, אַז מיר וועלען דאַמאָלס אָנהויבען אָהן אַ אויפהער מלחמה צו האַלטען אין אונזערע פעראיינען, אויף פערזאַמלונגען, אין דער פּרעסע, אַז מיר וועלען אָפּפאָדערן די מאַסען און אָנמאַכען אונזערע שונאים געברענטע צרות. באַלד ווי זיי וועלען ביי אונז צו-נעהמען דאָס הויפּט־רעכט וועלען זיי שוין מוזען צונעהמען די אַנדערע אויך.

דאָס איז דאָך געוויס, און אין אונזער פּראָגראַם געפינט איהר וועגען דעם קלאָרע ווערטער: „דער קאַמפּף פון דעם אַרבייטער־קלאַס געגען דער קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע מוז זיין אַ פּאָליטישער קאַמפּף. דער אַר-בייטער־קלאַס קען נישט פיהרען זיין עקאָנאָמישען קאַמפּף און זיין עקאָ-נאָמישע אָרגאַניזאַציע קען זיך נישט ענטוויקלען אָהן פּאָליטישע רעכטע. ער קען נישט אויספיהרען, אַז די מיטלען פון דער פּראָדוקציע זאָלען ווערען אַ אַלגעמיינעס אייגענטום, כל זמן ער האָט נישט קיין פּאָליטישע מאַכט. די אויפגאַבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אריינ-צוברייינגען אין דעם קאַמפּף פון דעם אַרבייטער־קלאַס בעוואוסטזיין און אחדות און אָנווייזען אויף דעם ריכטיגען און איינציגען צוועק פון דעם קאַמפּף". דאָס זענען די מיינונגען, וואָס זענען אויסגעדריקט אין די גרויסע ווערק פון אונזערע לעהרער, דאָס איז אונזער פּראָגראַם, דאָס געפינט איהר אויך אין אַ גאַנצע מאַסע פון אַרטיקלען און ביכער. די, וואָס האַלטען אַזוי וועניג פון דעם פּאָליטישען קאַמפּף אין פּאַרלאַמענט שטיצען זיך אָפּט אויף ליבקנעכט'ן, נאָר איהר מוזט וויסען, אַז ליבקנעכט האָט אין די שפּעטערדיגע אויסגאַבען פון זיינע ווערק וועגען דער פּאָליטישער לאַגע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויסדריקליך ערקלערט, אַז זיינע פריהערדיגע מיינונג וועגען פּאַרלאַמענטאַריזם האָט געהאַט אַ זין נור בנוגע צו דעם נאָרד־דייטשען פערבאַנד. פון דער צייט, ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרען די דייטשע מלוכה האָט ער אומגעביטען זיין מיינונג וועגען דער פראַגע. עס קען זיין אַ קלער וועגען דעם, צו איז דאָס ריכטיג, נאָר באַלד, אַז ליבקנעכט אַליין האָט זיך אַזוי ענטשלאָסען אָבגעזאָגט פון זיינע פריי-הערדיגע מיינונגען און האָט געדרוקט זיין ווערק נור אַלס אַ דאָקומענט פון די פערגאַנגענע צייטען, איז דאָך דאָס זעהר נישט אָרענטליך, איך וויל נישט זאָגען אַנ'עולה, ווען מען מאַכט אַ שלעכטען געברויך פון דעם בעריהמטען נאָמען פון אונזער אַלטען חבר. דאָס איז אַ אונמעגליכע פאָרם פון דיסקוסיע!

וואָס איז דער פּועל יוצא פון דעם אַלעמען? פון איצט אָן מוז זיין אונזער אויפגאַבע, נאָך מיט פיעל מעהר ענערגיע ווי ביז איצט צו אַר-

ביימען פֿאַר דער ערציהונג און פּאָליטישער אויסבילדונג פֿון די מיט־גליעדער פֿון אונזער פּאַרטײ. מען האָט אויף מיר פֿעראיבעל פֿאַר מיין בענעהמען זיך צו דער פֿראַגע וועגען די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, איך בין קיין מאָל נישט געווען דערפֿאַר. אַז די פֿעראיינען דאַרפֿען זיין נייט־ראַל, אונפּאַרטייאיש אין פּאָליטישע פֿראַגען, איך האָב נאָר געזאָגט, אַז די פֿעראיינען קענען זיך נישט בעטראַכטען ווי אַ טייל פֿון אַ בעשטימטער פּאָליטישער פּאַרטײ, ווייל זיי זענען געצוואונגען צוצונעהמען אַלע אַר־בייטער, אַלץ איינס וואָס פֿאַר פּאָליטישע איבערצייגונגען זיי האָבען. די ציימונגען און די רעדנער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען מוזען טענה׳ן צו זייערע מיטגליעדער: איהר—זייט אַרבייטער, בירגער פֿון דער מלוכה און מוזט זיך דאַריבער אינטערעסירען מיט אַלע פֿראַגען פֿון דער רעגיערונג און געזעצגעבונג. אויב מען וועט אויף אַזאַ אופן בילדען די מאַסען, נעהם איך זיך אונטער אַ גאַנץ יאָהר צו רעדאַקטירען אַ ציימונג פֿאַר די פּראָ־פֿעסיאָנעלע פֿעראיינען און קיין איינציג מאָל נישט דערמאָהנען דאָס וואָרט סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פֿונדעסטוועגען וועלען אַלע איהרע לעזער זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אין דעם בעשטעהט דער סעקרעט פֿון דער אַגיטאַציע. אויב צוזאַמען מיט דעם וועט אויך די פּאַרטײ־פּרעסע מעהר ווי פֿריהער זיך פֿערנעהמען מיט אָרגאַניזאַציאָנס־פֿראַגען, אויב די אַגי־טאַציע וועט זיך אומעטום פֿיהרען אין דעם זין פֿון אַ גרינדליכער פּאָלי־טישער ערציהונג פֿון די מאַסען און—דער עיקר—אויב מען וועט ווידער אָנהויבען גרונדלעך לערנען דעם סאָציאַליזם,—דאַמאָלס וועט נישט שווער זיין אין פֿערלויף פֿון איין יאָהר צו פֿערדאָפּעלן די צאָהל פֿון אונזערע מיטגליעדער, פֿערגרעסערען די צאָהל פֿון די פּראָפֿעסיאָנאַל־אָרגאַניזירטע אַרבייטער מינדעסטענס אויף 25 פּראָצענט, און די צאָהל פֿון אונזערע לעזער קען זיך פֿערגרעסערען אויף 50—100 פּראָצענט. אויף אַזאַ אופן וועלען מיר ערוועקען מיטלען צו בילדען אונזערע חברים און צו גרייטען זיך צו דעם קאַמפּף וואָס שטעהט אונז פֿאָר. און דעם זין בעט איך אייך אויך אָנצונעהמען מיין רעזאָלוציע, אין דעם זין וועלען מיר אויך אַרבייטען און קעמפּפֿען, ביז מיר וועלען אויספֿיהרען אַ פֿולען און אַ גאַנצען נצחון.

בעבעלס רעזולוציע.

(אָנגענומען אין דעם פּאַרטײ־טאָג דורך נאָמענס־אַבשטימונג מיט 287 שטימען געגען 14).

צוליעב דעם וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז די הערשענדע קלאַסען און די רעגירונג שטרעבען נישט צו דערלאָזען דעם געזעצ־ליבען איינפֿלוס פֿון דעם אַרבייטער־קלאַס אויף דעם גאַנג פֿון די

געזעלשאַפֿטליכֿע ענינים אָדער אויך דעם איינפֿלוס אין גאַנצען צונעהמען ביי'ם אַרבייטער-קלאַס דאָרט, וואו ער האָט זיינע פֿאָרשטעהער אין די פּאַרלאַמענטאַרישע איינריכֿטונגען, כדי אויף אַזאַ אופֿן צו מאַכֿען דעם אַרבייטער-קלאַס פּאָליטיש און עקאָנאָמיש קראַפֿטלאָז און אָהן רעכֿט, — דאַריבער האַלט דער פּאַרטיי־טאָג פֿאַר נויטיג צו ערקלערען, אַז דער הייליגער חוב פֿון דעם אַרבייטער קלאַס איז צו קעמפּפֿען מיט אַלע מיטלען, וואָס ער האָט אין זיין רשות, כדי נישט דערלאָזען יעדע עולה געגען אַלע רעכֿט פֿון מענשען און בירגער און וועט נישט אויפֿהערען פֿאָדערען פֿולע גלייכֿבערעכטיגונג.

די פּראַקטיק האָט בעזונדערס בעוויזען, אַז די הערשענד'ע פּאַרטייען, נישט אויסגעשלאָסען די לינקע בורזשואַזיע, זענען די געגענער פֿון אַלגעמיינעם, גלייכֿען, דירעקטען געהיימען וואַהל־רעכֿט, אַז זיי ליידען איהם נאָר און ווילען איהם אָבשאַפֿען אָדער בעגרענעצען, ווי נור זיי הויבען אָן צו קלערען, אַז דאָס איז געפֿעהרליך פֿאַר זייער הערשאַפֿט. דאַריבער זענען זיי געגען דאָס איינפֿיהרען פֿון אַלגעמיינעם, גלייכֿען, דירעקטען און געהיימען וואַהל־רעכט אין איינצעלנע מלוכות (פּרייסען א. א.) און פֿערקלענערען זאָגאַר דאָס שלעכֿטע וואַהל־רעכֿט, וואָס עקזיסטירט איצט, ווייל זיי האָבען מורא אפילו פֿאַר'ן קלענסטען איינפלוס פֿון דעם אַרבייטער-קלאַס אין די פּאַרלאַמענטאַרישע איינריכֿטונגען.

אַלס ביישפּיעל פֿון אַזאַ אויפֿפֿיהרען זיך קען דיענען דאָס אָבשאַפֿען פֿון וואַהלרעכֿט דורך די בורזשואַזיע, וואָס איז גייציג צו מאַכֿט און האָט שטענדיג מורא און אויך דורך די אונוויסענדע קליינע בורזשואַזיע אין זאַקסען און אין די „אויך־מיר־רעספּובליקעם” האַמבורג און לובעק ווי אויך דאָס בעגרענצען פֿון קאָמונאַלען וואַהל־רעכט אין פֿערשיעדענע דייטשע מלוכות (זאַקסען, זאַקסען־מייניגען) און אין די שטעדט (קיעל, דרעזדען, חעמניטץ א. ז. וו.), וואָס איז דורכֿגעפֿיהרט געוואָרען דורך פֿאָרשטעהער פֿון פֿערשיעדענע בורזשואַזנע פּאַרטייען.

נאָר נעהמענדיג און בעטראַכֿט, אַז נור דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַהל־רעכט איז די נויטיגע בעדינגונג פֿון אַ נאָרמאַלער פּאָליטישער ענטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, ריכֿטיג ווי די פֿולע פֿרייהייט פֿון פֿערבינדונגען איז נויטיג פֿאַר דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פֿון דעם אַרבייטער־קלאַס; נעהמענדיג ווייטער אין בעטראַכט, אַז דער אַרבייטער־קלאַס איז דער

הויפּט=פֿונדאַמענט פֿון דער איצטיגער געזעלשאַפֿט אַ דאַנק זיין צאָהל, וואָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ גרעסער, אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ און זיין אַרבּייט פֿאַר דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבּען פֿון גאַנצען פֿאָלק ווי אויך אַ דאַנק די מאַטריעלע און פֿיזישע קרבּנות וועלכע ער בּריינגט צו שיצען דאָס פֿאָטערלאַנד, — דאַריבּער מוז ער פֿאָדערן נישט נור צו דערהאַלטען דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַהל־רעכט און אַלע איינריכטונגען פֿון דער רעגירונג, נור אויך פֿערבּרייטערן איהם אין דעם גייסט פֿון דעם סאָציאַל=דעמאָקראַטישען פּראָגראַם און גאַראַנטירען פֿולע פֿרייהייט פֿון פֿערבּינדונגען.

אויף דעם גרונד ערקלערט דער פּאַרטיי־טאָג, אַז ווען מען וועט נור וועלען געהען געגען דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַהל=רעכט אָדער געגען דאָס רעכט פֿון פֿערבּינדונגען, איז די פּפֿליכט פֿון דעם גאַנצען אַרבּייטער-קלאַס אָנצווענדען אַלע פּאַסענדע מיטלען, כּדי דאָס רעכט צו שיצען.

אַלס איינע פֿון די בּעסטע מיטלען פֿון קאַמפּף, כּדי צו שיצען זיך פֿאַר יעדען פּאָליטישען פֿערבּרעכען בּנוגע צום אַרבּייטער-קלאַס אָדער כּדי צו ערקעמפּפֿען נייע וויכטיגע רעכט פֿון בּעפֿרייאונג, האַלט דער פּאַרטיי-טאַג דאָס אַנווענדען פֿון גרויסע מאַסען-סטרייקען.

נאָר כּדי דאָס אָנווענדען פֿון דעם מיטעל זאָל זיין מעגליך און זאָל דערגרייכען דעם ציעל איז נויטיג זעהר אַ גרויסע ענטוויקלונג פֿון פּאָליטישע און פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פֿון אַרבּייטער-קלאַס און דאָס בּילדען פֿון די מאַסען דורך די אַרבּייטער־פּרעסע און אויסגעוועניגסטע און שריפֿטליכע אַגיטאַציע.

די אַגיטאַציע דאַרף ערקלערען די וויכטיגקייט און נויטיגקייט פֿון פּאָליטישע רעכט פֿון דעם אַרבּייטער־קלאַס בּעזונדערס פֿון דעם אַלגעמיינען, גלייכען, דירעקטען און געהיימען וואַהל־רעכט אין פֿון דער פֿולער פֿרייהייט פֿון פֿערבּינדונגען און דאַבּיי מוז זי ערקלערען דעם קלאַסען=כאַראַקטער פֿון דער רעגירונג און געזעלשאַפֿט און ווי יעדען טאָג ווערט עקספּלואַטירט דער אַרבּייטער-קלאַס דורך די הערשענדע קלאַסען צוליעבּ דעם, וואָס זיי האַלטען אויסשליסלעך אין זייער האַנד די פּאָליטישע קראַפֿט.

יעדער מיטגליעד פֿון דער פּאַרטיי מוז אַריינטרעטען אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראיין דאָרט וואו אַזעלכע זענען דאָ אָדער קענען בּעשאַפֿען ווערען און מוז מיטהעלפֿען צו די צוועקען און די אויפֿ=

גאַבען פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. און יעדער מיטגליעד פון דעם פּראָפעסיאָנעלען פעראיין, וואָס איז דורכגעדרונגען פון דעם קלאַסען-בעגריף, מוז פון דער אַנדערער זייט צושטעהען צו דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון זיין קלאַס, צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און זיך בעמיהען צו פערברייטען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פרעסע.

ק׳ ר׳

32 אינדיאנער פירשט. פון זשול ווערין. — 70

33 אין דער פינסטערניש, דראַמאַ אין 4 אַקטען, פ. ה. מאלווא. — 20

34 אין א שלעכטע צייט, בילדער און ערצעהלונגען, שלום אַש. — 40

35 אין ווילדען אפריקא, (אַ רייזע בעשרייבונג), פון זשול ווערן,
איבערזעצט דורך א. טאנענבוים. — 25

36 (דיא) אלגעמיינע געשיכטע, די מזרח פעלקער פון דער אַלטער
צייט. פ. מעלגונאוו. — 25

37 א אלטע מעשה אונד א נאכט אין צרות, צוויי ערציילונגען
פון מענדעלע מוכר ספרים, ש. י. אבראמאָוויץ. — 25

38 (דיא) אלטע מאד ערצעהלונג. א. מ. דיק. — 15

39 אלטנײ=לאנד, ראמאן פון ד"ר ט. הערציל. 1.25

40 אלכסנדר מוקדון זיין ביאגראַפיע אין זיינע מלחמות. — 30

41 אמעריקא פאר קאלומבוס אַ קולטור-געשיכטליכע נאכפאָרשונג
מיט 44 ערקלעהרענדע צייכנונגען, פיליפ קראַנץ. 1 —

42 אמעריקאנער העלדען, (א שילדערונג פון די אַמעריקאַנישע
פרייוויליגע מיליטער אין די שפאַניש-אַמעריקאַנישע מלחמה),
פון ד. הערמאַלין. 1.20

43 (דיא) אמעריקאנער שדים, ראמאַן, פון א. ט. — 20

44 אמעריקאנער וויצלינג, (וויצען פון יודישען לעבען אין אמעריקא). — 12

45 אמעריקאנער געשיכטע, ראָמאַן אין 2 טהייל, פון א. מ. דיק. — 75

46 אמעריקאנער לעהרער, (צו ערלערנען ענגליש), פון א. הארקאַווי. — 40

47 א מעשה אהן איין עק, פון שלום עליכם. — 25

48 א מעשה, מ. בערדיטשעווסקי. — 3

49 אננא קארענינא, ראָמאַן פון גראַף טאָלסטאי. — 50

50 אנעקדאטען בוך 220 וויטצען מ. קיקולשטיין. — 12

51 אנפאַנג פון בעמיע, ד"ר קאספע. — 30

52 א סוף פון דער וועלט, מיכל וועבער, ווארשא. — 60

53 אסטראָנאָמיע, נאַטאַן'ס ענטדעקונג, ד"ר א. קאספע. — 30

54 אסתר המלכה (ערצעהלונג), פון קארל עמיל פראנצאז. — 10

55 ארבייט און קאפיטאל, פאָליטישע עקאָנאָמיע. — 10

56 ארבייטסקראפט אין קאפיטאל פון קארל מארקס. — 15

57 ארגענטינע, בעשרייבונג דאס לאנד. — 20

58 א רייזע צום זיד=פאָל, פון עדוארד קעללי. — 30

59 א רייזע צום נאָרד=פאָל, פון זשול ווערן, איבערזעצט פון א. טאנענבוים. 35 —

60 א רייזע ארום די וועלט אין 80 טעג, (אַ רייזע בעשרייבונג
פון אינדיען, כינא, יאפאַן אונד נארד=אמעריקא), פון זשול ווערן,
איבערזעצט פון א. טאנענבוים. 60

ק׳ ר׳

61 א רייזע אין הימעל, (פאפולערע אסטראנאמיע), נאך א. בערנשטיין,
בעארבייט פון ד. הערמאלין. 25 —

62 א רייזע אין אומבעקאנטע געגענדען, פון זשול ווערן,
איבערזעצט פון א. טאנענבוים. 25 —

63 א רייזע אויפ'ן גרונד פון ים, פון זשול ווערן, איבערזעצט
פון ב. בוקאנסקי. 90 —

64 אריסטאטעל, זיין לעבען און פילאזאפיע, פ. קראנץ. 25 —

65 ארץ ישראל אדער אוגאנדא? פון ציוני פשוט. 10 —

66 אשמדי, א מאראלישע ערציילונג דאמעראצקי. 12 —

67 (דער) אתרוג, י. ל. קארעטץ. 10 —

ב.

68 באבע מיט'ן אייניקעל, טהעאטער=שטיק, גאלדפאדען. 20 —

69 (דער) באזעלער קאנגרעס סטענאגראפישער בעריכט פון II קאנגרעס. 20 —

70 באסני קרילאוו, פאבעלען 2 טהייל. 25 —

71 ברויט אהן ארבייט, ערצעהלונג, פון ד"ר ט. הירצל. 12 —

72 באראן הירש לעבענסבעשרייבונג. 10 —

73 באראן דע=אגילאר, ראמאן, שייקעוויטש. 20 —

74 ביידע הערשעלעך, ערצעהלונג נ״מאוויץ (הנ"ץ), ווארשא. 25 —

75 ביידע קונע לעמעל, טהעאטערשטיק, גאלדפאדען. 20 —

76 בייזער מארשאלעק, סאטירע, ליניעצקי. 12 —

77 ביטערע נקבה, א ראמאן פון אידישען לעבען פון ליטא. פילאזאף. 50 —

78 ביים טהיר פון גן=עדן, פאנטאסטישער ראמאן, מ. זייפערט. 52 —

79 בילדער אין געדאנקען י. באוושאווער. 10 —

80 בילדער פון טהיער=לעבען, רובאקין, מיט בילדער, ווילנא. 40 —

81 בית דוד, היסטארישע אפערעטע אין 4 אקטען, מ. הארוויטץ. 30 —

82 בית רבי, לעבענ'ס בעשרייבונג, דורך י. ח. 40 —

83 (דער) בלאנדער יונגער מאנטשיק, ערצעהלונג, דע-מאפאסאן. 60 —

84 בלוט=בלבול, פון טיסא-עסלאר, אדסא. 25 —

85 בלוטיגע אינקוויזיציע, פון א. בוכבינדער. 30 —

86 בלוטיגע נקמה, (יעקב טיראדא) ראמאן, פיליפזאהן, ווארשא. 22 —

87 (דיא) בלוטיגע חתונה, עמיל זאלא. 25 —

88 בלוטיגער צלם א ראמאן פון איצישען לעבען מ. זיפערט.
1824 זייטען. 4.50

89 בליהמעלע, טהעאטערשטיק, לאטיינער. 25 —

90 בלינדער מוזיקאנט, א ראמאן, וו. קאראלענקא. 35 —